STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 02015

YIDISHE FOLKSRETENISHN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג „די נייע יידישע פאלקסשול"
סעריע „פאָלקלאָר" — №

יידישע
פאלקסרעטענישן

געזאמלט און דערקלערט
פון ש. באסטאמסקי.

צווייטע אויפלאגע

ווילנע—1923

דרוקעריי פ. גארבער, ווילנע, זאוואלנע 25.

אנשטאט א הקדמה.

אין דער צייט, וואס ביי די אומות העולם ציילן מיר צענדליקע זאמלונגען פון פאלקס־רעטעניש, זיינען נאך ביי אונז יידן די פאלקסרעטעניש אפילו ניט צונויפגעזאמלט. און ניט נאר די רעטעניש אליין. א סך צווייגן פון יידישן פאלקלאר זיינען נאך צו אונזער גרויסן בזיון הייל און נאקעט. אין פארגלייך מיטן גרויסן אוצר פון דער יידישער פאלקסשאפונג איז דער מאטעריאל, וואס ס'איז שוין יא פארעפנטלאכט געווארן, זייער קליין און זייער געמיין. די פאעטישע שאפונג פון דער יידישער פאלקסמאסע איז פארשיידנארטיקער ווי מ'רעכנט לויט דעם פארעפנטלאכטן מאטעריאל. נאר א קליינער טייל פון דעם פאלקס אוצר איז צונויפגעזאמלט, און די איבעריקע פערלען פון דער יידישער פאלקס־חכמה, פון יידישן הומאר, פון יידישן שארפזין, זיינען צודיט און צושפרייט און צווארפן אויף שבעה ימים און שבעים לשונות. עד־היום איז נאך ניט געשאפן געווארן דאס גאלדענע בוך, וואס זאל אונז געבן די מיגלאכקייט אריינצובליקן אין אונזער גרויסן רייכן פאלקספארמעגן. א נוואלדיקע באדייטונג וואלט דאס בוך געהאט פאר יידישן פאלק. ניט אפצושאצן וואלט דאס אויך געווען פארן יידישן לערער, פאר דער נייער שול, פאר די נייע לערנביכער.

אין דעם נייעם גן־עדן פון דער יידישער פאלקסשול וועט דעם לערער, און דערהויפט דעם לערער פון דער יידישער שפראך, אויסקומען צו שטיין ביים ברונים און באגיסן די יונגינקע גרינינקע ביימעלאך מיטן לעבעדיקן וואסער פון אייביקן קוואל פון דער יידישער פאלקסשאפונג. דער לערער מוז זייער גוט זיין באקאנט מיט דער יידישער פאלקסשאפונג. ער מוז זיין א פאלקסמענש, א ניט וועט ער זיך גאר ניט קענען דערנענטערן צום יידישן קינד.

די פראקטיק פון דער יידישער פאלקסשול פאר די לעצטע פאר יאר האט שוין זייער גוט באוויזן וואס פאר א לעבעדיקן אינטערעס ס'רופן ארויס ביי די קינדער די אלע פראדוקטן פון פאלקשאפונג. דעם זאמלער פון די דאזיקע רעטעניש איז ניט איינמאל אויסגעקומען צו דערציילן די קינדער פאלקסמעשהלאך, פרעגן זיי רעטעניטן. ס'איז גארניט צו באשרייבן די שמחה פון די קינדער אין דעם מאמענט די אויגעלאך צינדן זיך אָן, דאס מוחל הייבט אן צו ארבעטן ...

דער „קליינער עולם" באגנוגט זיך ניט מיט דעם, וואס דער לערער פרעגט. זיי הייבן אליין אן צו פרעגן. און ס'איז ניט מקנא צו זיין דעם לערער. וואס וועט זיין ווייט פון דעם, וואס ס'איז די קינדער אזוי נאהענט און ליב.

די ליבע צו רעטעניש, צו פארשיידענע שכלדיקע איינפאלן און פראגן האבן די יידיש־קינדער געקראגן בירושה פון זייערע עלטערן.

(ז. זייט 3 פון דער הילע)

די תלמודישע ערציהונג, די געבארענע חריפות, די סוחרישע לעבנסגעניטשאפט האט אויסגעארבעט ביים יידן און דערהויפט ביי דעם ליטווישן יידן א ליבע צו אלץ, וואס ס׳איז שכלדיק, שארפזיניק, צו פארשיידענע פארפלאנטערטע מאטעמאטישע איינפאלן, צו רעטענישן, ווארטשפילן. בין מנחה למעריב, אין די ווינטערדיקע אוונטן, פלעגן זיך אונזערע זיידעס און עלטער זיידעס ליב האבן אוועקצוזעצן אויספרובירן איינער ביים אנדערן דעם שכל פלייסן זיך אריבערשטייגן אין חריפות, געפינען פארשיידענע סתירות שטעלן פארשיידענע שכלדיקע פראגן, אויסטראכטן פארשיידענע שפראכקונצן. דאס איז געווען דער בעסטער פארגעניגן זייערער. אזוי פלעגן זיי צום ליבסטן פארברענגען די צייט.

הונדערטער רעטענישן און שכלדיקע איינפאלן זיינען מיט דער צייט אזוי געשאפן געווארן און אריבער פון דור צו דור. ביי היינטיקן טאג איז שוין אבער דער אלטער דור כמעט ווי אויסגעשטארבן, און צוזאמען מיט א׳ם ווערט פארלארן א גרויסער טייל פון אונזער פאלקסשאפונג.

דאס טאר ניט דערלאזן ווערן, מ׳מוז זען צונויפזאמלען אלץ וואס ס׳איז נאר מעגלאך. א גרויסן אנטייל אין זאמלען מוז נעמען דער יידישער לערער. דער זאמלער פון די דאזיקע רעטענישן האט זיך אין משך פון צעהן יאר פארנומען מיטן יידישן פאלקלאר. א גרויסער מאטעריאל פון דער יידישער פאלקסשאפונג ליגט נאך ניט פארעפנטלאכט. און וועט מיט דער צייט ארוים אויף דער וועלט.

דעם מאטעריאל פון די פאלקסרעטענישן האט ער צו פארדאנקען כמעט ווי אויסשליסלאך די יידישע קינדער. און זיי, די יידישע קינדער, שענקט ער טאקע דאס דאזיקע ביכל א הארציקע מַתָּנָה.

דער זאמלער

—דו מיידעלע דו שיינס, מיידעלע דו פיינס,
איך וועל דיך עפּעס פרעגן אַ רעטעניש
אַ פיינס:
וואָס איז העכער פאַר אַ הויז,
וואָס איז פלינקער פאַר אַ מויז?
—נאַרישער בחור, נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ;
דער רויך איז העכער פאַר אַ הויז,
אַ קאַץ איז פלינקער פאַר אַ מויז.

דו מיידעלע דו שיינס, מיידעלע דו פיינס,
איך וועל דיך עפּעס פרעגן אַ רעטעניש
אַ פיינס:
וואָס פאַר אַ וואַסער איז אָן אַ זאַמד,
וואָס פאַר אַ מלך איז אָן אַ לאַנד?
—נאַרישער בחור, נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ;
דאָס וואַסער פון אויג איז אָן זאַמד,
דער מלך פון קאָרטן איז אָן אַ לאַנד.

פאָלקס-ליד

1.

ווייס געשפּרייט,
שוואַרץ געזייט.
ווער עס זייט,
דער פאַרשטייט.

2.

ווייס געשפּרייט,
שוואַרץ געזייט;
וואו מען שיקט,
דאָרטן גייט.

3.

שוואַרץ געזייט,
ווייס געשפּרייט,
מיט גענז געאַקערט.

4.

גלאַט ווי סאַמעט,
ווייס ווי שניי;
מ'קוקט זיך איין —
זעט מען צוויי.

5.

ניט קיין העמד —
און דאָך גענייט;
ניט קיין בוים —
און פול מיט בלעטער;
ניט קיין מענש —
און רעדט צו דער זאַך.

6.

הויך ווי אַ מויער,
גראָב ווי אַ פּויער.
זיס ווי צוקער,
ביטער ווי גאַל.

7.

אין וואַלד וואַקסט דאָס,
אין קראָם הענגט דאָס,
מ'גיט אַ ריר - וויינט דאָס.

8.

אין וואַלד וואַקסט דאָס,
אויפן פערד הענגט דאָס,
אַלע ווייבער שאָקלען דאָס.

9.

וואַר.
אין וואַלד וואַקסט דאָס,
אויפן פערד הענגט דאָס,
ווי עס פאַלט אַריין
צו די ווייבער אין די הענט,
מאַכט דאָס „פּיטש-פּאַטש“.

10.

אַלע נוצן דאָס,
אַלע דאַרפן דאָס,
דער קיסר נעמט פאַר דאָס
אַראָפּ דאָס היטל,
די וועלט האָט דאָס קאָם
אַ נאָמען געגעבן.

11.

אַ שומר, אַ היטער,
אַ געברענטער, אַ געשמידטער,
ניט אַליין נעמט ער,
ניט דעם צווייטן גיט ער.

12.

אַ שוואַרצער טאָטער,
נעגל האָט ער,
וואו מען שיקט אים,
דאָרטן גייט ער.

13.

אַן אייזערנער פערד
מיט אַ פלאַקסענעם עק;
וואו מען שטופּט אים,
דאָרטן גייט ער.

14.

אַלעמען באַנייט דאָס,
אַלעמען באַקליידט דאָס,
און אַליין גייט דאָס
מוטערנאַקעט.

15.

ער פליט אָן פליגל,
ער מויערט אָן ציגל,
ער לייגט זיך ווי אַ האַר
און שטייט אויף ווי אַ נאַר.

16.

ער גייט אַרויף —
און נעמט אַרויס,
ער גייט אַראָפּ —
און שאָקלט אויס.

17.

אַ לעבעדיקער
שלאָגט אַ טויטן.
דער טויטער שרייט
און ס'הערט זיך ווייט.

18.

אַ ווייסער מויער
און אַ געלער מויער;
וויל מען צוקומען צום געלן,
מוז מען צוברעכן דעם ווייסן.

19.

אַ ליילאַך געשפּרייט,
אַרבעס געזייט,
אַ טעלערל אינמיטן.

20.

אויף דר'ערד גיי איך ניט,
אויפן הימל קוק איך ניט,
די שטערן צייל איך ניט.

21.

מיין טאַטנס אַ זון
און מיינער ניט קיין ברודער.
ווער איז דאָס?

22.

דער טאַטע האָט געלט —
און קען ניט איבערציילן;
די מאַמע האָט אַ קאָלדרע —
און קען זיך ניט צודעקן;
די שוועסטער האָט האָר —
און קען זיך ניט אויסקאַמען;
דער ברודער האָט אַן עפּל —
און קען אים ניט אויפעסן.

23.

אַ גראָבע מאַמע,
אַ רויטער טאַטע,
אַ הויכער זון,
אַ משוגענע טאָכטער.

24.

מאַן און ווייב,
קורץ און לאַנג,
שוואַרץ און ווייס.
ווער זיינען זיי?

25.

גרין ווי גראָז —
נאָך ניט דאָס;
רויט ווי בלוט —
נאָך ניט גוט;
שוואַרץ ווי קויל —
אָ דאָס איז וואויל.

26.

זיצט אַ צוויפוס

אויף אַ דרייפוס,

האַלט אַן איינפוס;

קומט אַ פירפוס

כאַפּט דעם איינפוס;

לויפט דער צווייפוס,

יאָגט דעם פירפוס,

פאַלט דער דרייפוס.

27.

פיר רַבָּנים זיצן אין איין שטוב,

אַלע אין איין עלטער,

אַלע קענען גלייך לערנען.

איינער וויל אַריין —

וועמען דאַרף ער געבן

צום ערשטן די האַנט?

28.

צוויי ברידער:

איינער איז מיינער אַ פעטער,

דער אַנדערער נִיט.

ווער איז ער?

29.

צוויי ברידער זיצן אויף איין

בוים און זעהען זיך ניט.

30.

פיר ברידער

טראָגן איין היטל.

31.

הונדערט ברידער אָן אַ מאַמען

שטייען געבונדן אַלע צוזאַמען.

32.

פיר פאַניענקעס יאָגן זיך

און קענען זיך ניט דעריאָגן.

33.

אַ פאַניענקע זיצט אויפן דאַך

און רויכערט אַ ליולקע.

34.

אַ בלויאינקער טעלערל

פול מיט אַרבעס.

35.

אַ לאַטע אויף אַ לאַטע

און אָן אַ נאָט.

36.

אַ קאָפּ אָן האָר,

מילך אָן אייטערס.

37.

אַ ווייס מויל

און שוואַרץ ווי קויל.

38.

אַ נייע כֵּלִי

פול מיט לעכער.

39.

עס העננט אויפן וואַנט

אַ קרעציקע האַנט.

40.

אויף אַן אויסגעדרייטן בוים
שפּרינגען אַ סך ציגן.

41.

אויף אַ רויטן שנירעלע
הענגט ווייסע גרעט.

42.

אַ ברעט ליגט אין וואַסער
און ווערט ניט צופוילט.

43.

ס׳קייקלט זיך אַ פעסעלע
אין אַ שמאָלינקער געסעלע
און ווערט ניט צובראָכן.

44.

מען קריכט אויף אים
און ער שטייט רוהיק.

45.

ביטאָג שלאָפט ער,
ביינאַכט לעבט ער.

46.

זומער טוט ער אָן דעם פעלץ,
ווינטער טוט ער אוים דעם
פעלץ.

47.

אַ האַלב יאָר גייט מען אויף מיר,
אַהאַלב יאָר פאָרט מען אויף
מיר.

48.

ער גייט און גייט
און רירט זיך פון אָרט ניט.

49.

מיט מַשָׂא גייט ער,
אָן מַשָׂא שטייט ער.

50.

ער גייט און לויפט,
ציילט טעג און יאָרן,
ניט מענשלאַך געבאָרן.

51.

איך האָב קיין פים ניט
און גיי;
איך האָב קיין הענט ניט
און שלאָג.

52.

אויערן האָט דאָס
און הערט ניט,
אַ מויל האָט דאָס
און עסט ניט,
קיין פים האָט דאָס ניט
און שטייט.

53.

אַ טויטער האָט דאָס;
ווען אַ לעבעדיקער וואָלט
דאָס געהאַט,
וואָלט ער גלייך געשטאָרבן.

54

אָדָם – פֿון ערד,
אברהם – פֿון קאַלכאויוון,
יוסף – פֿאַרבּרענט.
וואָס איז דאָס?

55

דער פֿאָטער איז נאָך ניט אַרויס אויפֿן דער וועלט און דער זון איז שוין אויפֿן דאַך.

56

געדרייט זיך, געדרייט זיך –
און אַוועקגעשטעלט זיך אין אַ ווינקעלע.

57

בּיים גביר אויפֿן טיש,
ס'האָט פֿיר פֿיס,
מ'גיט אַ ריר – גיט אַ גיס.

58

אַז מ'וואַרפֿט אַראָפּ, קען מען דאָס שוין ניט אויפֿהייבּן.

59

וואָס מ'מער מע נעמט פֿון דאָס,
אַלץ גרעסער ווערט דאָס.

60

אין וואַסער ווערט דאָס געבּוירן,
אין וואַסער ווערט דאָס פֿאַרלוירן.

61

אין פֿייער ווערט דאָס געבּוירן,
אין פֿייער ווערט דאָס פֿאַרלוירן.

62

דורך איין טיר גייט דאָס אַריין,
דורך צוויי טירן גייט דאָס אַרויס.

63

פֿון דר'ערד גייט דאָס אַרויס,
אין דר'ערד גייט דאָס אַריין.

64

אַליין בּין איך אָרים,
און דעם צווייטן מאַך איך רייך.

65

אַזוי לאַנג ווי איך נעם ניט קיין טרונק,
קען איך ניט ריידן.

66

אַ פּאַניענקע זיצט אויפֿן דאַך,
קאָכט פֿיש און פֿאַרזוכט,
וואָס פֿעלט?

67

אַלץ גייט אין דעם אַריין,
וואָס איז דאָס?

68

וואָס זעט דער קיסר זעלטן,
דער פּאַסטוך שטענדיק,
און גאָט – קיינמאָל ניט?

69

וואָס איז די שווערסטע זאַך אויף דער וועלט?

70

וואָס איז די גרינגסטע זאַך אויף דער וועלט?

71

וואָס איז די שנעלסטע זאַך אויף דער וועלט?

72

און וואָס קען זיך קיין זאַך ניט באַגיין?

73

וואָס איז געווען מאָרגן,
וואָס וועט זיין נעכטן?

74

וואָס איז ביי אַ רָב העכער פאַרן שֵׂכל?

75

וואָס וואַקסט אָן רעגן?

76

וואָס ווערט אַ באָק נאָך זיבן יאָר?

77

וואָס איז אונטער אַ פערינע?

78

וואָס איז שווערער – אַ פונט אייזן צי אַ פונט פוך?

79

וואָס קען מען זען און ניט אָננעמען?

80

אין וואָס פאַר אַ פעסל קען מען קיין וואַסער ניט גיסן?

81

פאַרוואָס זיינען יידן אַזוי אָרים?

82

פאַרוואָס האָט אַ ייד קיין מוֹרא ניט פאַרן טויט?

83

פאַרוואָס זאָגט מען אויף אַ חַזן, אַז ער איז אַ ליגנער?

84

פאַרוואָס קרייט אַ האָן מיט צוגעמאַכטע אויגן?

85

פאַרוואָס טאָר מען אַ סטאָליער ניט באָרגן קיין געלט?

86

פאַרוואָס טאָר מען אַ כּלי־זמר ניט טרויען קיין געלט?

87

פאַרוואָס טאָר מען אַ בלעכער און אַ קוימענקערער ניט
שטעלן פאַר קיין עדות?

88

פאַרוואָס טאָר אַ בלעכער מיט קיין טאָקער ניט וואוינען צוזאַמען?

89

פאַרוואָס טאָר אַ בעדער מיט קיין כּלי־זמר ניט וואוינען צוזאַמען?

90

פאַרוואָס טאָר אַ בעל־עגלה קיין סמעטענע ניט עסן?

91

פאַר וואָס קויפט אַ גלח אַ שטעקן מיט אַ גרויסע קאָפּ?

92

פאַר וואָס נעמט אַראָפּ דער קיסר דאָס היטל?

93

ווער איז ניט געבאָרן געוואָרן און דאָך געשטאָרבן?

94

ווער איז אַ בעל־חוב איבערן קאָפּ?

95

ווער זיינען די דריי מענשען, וועלכע האָבן געשפּילט
אַ גאַנצע נאַכט און אַלע דריי האָבן אויסגעשפּילט?

96

ווער גייט אויפ׳ן קאָפּ?

97

ווער ווייס, וואָס ביי יענעם פעלט?

98

ווער וויינט, איידער מ׳שלאָגט אים אָן?

99

ווער באַקומט אַן אָפּזאָג, איידער ער הייבט אָן צו בעטן?

100

ווער גייט און שטייט הענגענדיק?

101

ווער האָט נאָך קיינמאָל קיין ליגן ניט געזאָגט?

102

ווער קומט אַלע מאָל צו פריה?

103

ווער קומט אַלע מאָל צו שפּעט?

104

ווער קומט שטענדיק צום ערשטן אין שול?

105

וועלכע מיידל דאַרף קיין חתן ניט האָבן?

106

וועלכער ברענגט נאָך זיין טויט מער נוצן ווי פאַר זיין לעבן?

107

וועלכע שפּייז ווערט געקאָכט אָן זאַלץ, ווייל מען קען דאָס ניט מאַכן געזאַלצן מיט גאָר דעם זאַלץ פון דער וועלט?

108

װעלכע מַשָׂא װערט שװערער, װאָס מערער מענשן ס'טראָגן זי?

109

װעלכער מַאכל איז פריהער פּאַרעװע, דערנאָך טריף און צום סוף פליישיק?

110

װעלכער ייד טראָגט דאָס גרעסטע היטל?

111

װעלכער מזיק שטאַרבט אין דער זעלביקער רגע, װאָס ער מזיקט?

112

װעלכן יום-טוב עסט מען גוט און מ'שלאָפט שלעכט?

113

װעלכער יום-טוב איז װאו מ'װיל, אָבער ניט װאָס מ'װיל;
װעלכער איז – װאָס מ'װיל, אָבער ניט װאו מ'װיל;
װעלכער איז װאו מ'װיל און װאָס מ'װיל?

114

אין װעלכן לעבעדיקן זאַק האַלט זיך אַיין װאַסער?

115

פון װעלכער מִלְחָמָה איז אויסגעהַרגעט געװאָרן אַ פערטעל טייל װעלט?

116

װעמעס טויט האָט די גאַנצע װעלט באַװיינט?

117

װיפיל בייגל קען מען אויפעסן אויפן ניכטערן האַרצן?

118

װאו איז זייער פינסטער, בעת ס'איז ליכטיק,
װאַרים – בעת ס'איז קאַלט, קאַלט – בעת ס'איז װאַרים?

119

װען זיינען קרעפּלאַך געשמאַק?

120

ווען וואַרפט מען גלאָז און ס׳ווערט ניט צובראָכן?

121

ווען שלאָגט מען זיך און ס׳טוט ניט וויי?

122

ווען פאַלט מען און מען צושלאָגט זיך ניט?

123

ווען קריגט אַ הונט אַ נאָמען?

124

ווען בלייבט אַ סוחר אין איין העמד?

125

ווען קען אַן אָרימאַן לעבן ווי אַ קיסר?

126

ווען נייט אַ שניידער אומזיסט? וואר. — ווער נייט אומזיסט?

127

מיט וואָס הייבט זיך אָן דער טויט און מיט וואָס לאָזט ער זיך אויס?

128

אַ ייִנגל האָט געזעהן, ווי אַ פויגל איז געפלויגן און אַ הונט איז געזעסן אויף דעם עק. ווי קען דאָס זיין?

129

וואָס איז דאָס אַזוינס?

אַ טויבער האָט געהערט, ווי אַ שטומער האָט דערציילט, אַז אַ בלינדער האָט געזעהן לויפנדיק אַ האָז; אַ קרומער האָט זיך נאָך אים נאָכגעיאָגט, אַ הוילער האָט אים אַריינגעלייגט אין קעשענע און האָט אים געבראַכט אַהיים.

130

וואָס קען מען געבן איינעם אין האַנט, אַז די איבעריקע זאָלן דאָס זען און דער, וועמען מ׳גיט דאָס, זאָל דאָס ניט זען?

131

אַמאָל איז אַן אורַח געקומען אין אַ קרעטשמע, האָט ער דאָרטן געטראָפן אַ קליינע מיידעלע.

פרעגט ער בײַ איר — וואו איז דער טאַטע?

ענטפערט זי — דער טאַטע וואַרפט די לעבעדיקע אויף די טויטע.

פרעגט ער — וואו איז די מאַמע?

ענטפערט זי — די מאַמע קרענקט אין נַחֶת.

פרעגט ער ווייטער — וואו זיינען דיינע ברידער?

ענטפערט זי — זיי זיינען געגאַנגען זוכן דאָס, וואָס זיי האָבן נית פאַרלאָרן.

פאַרשטייט ער ניט, וואָס זי מיינט, און פרעגט ווייטער — וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין פערד?

ענטפערט זי — מאַך אים חַתוּנֶה מיטן זומער אָדער מיטן ווינטער.

האָט ער אַלץ ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט.

ווי דאַרף מען פאַרשטיין אירע תשובות?

132

אַמאָל האָט אַ ייד געדאַרפט אַריבערפירן איבער אַ טייך אַ ציג, אַ וואָלף און אַ קעפּל קרויט. אין שיפל האָט געקענט אַריינגיין פאַר אַמאָל נאָר דער ייד מיט איינער פון די דריי זאַכן; איבערלאָזן אויף איין זייט דעם וואָלף מיט דער ציג האָט ער ניט געטאָרט, ווייל דער וואָלף וואָלט זי געקאָנט אויפעסן, איבערלאָזן די ציג מיטן קעפּל קרויט האָט ער אויך ניט געטאָרט, ווייל די ציג וואָלט געקאָנט אויפעסן די קרויט. ווי אַזוי האָט דער ייד אַ־י ע געפי ט ע ד יי זאַכן?

133

האָלץ געבויגן,
סטרונעס געצויגן,
פּיטש.פּאַטש —
אָוועקגעפלויגן...

134

פיר געצויגן,
צען געבויגן,
אַ קאָפּ אונטן,
אַ קאָפּ אויבן.

135

פלינק ווי אַ האָן,
קליין ווי אַ מאָן,
שווער ווי אַ שטיין.

136

שלאָגט אָן הענט,
הענגט אויף די ווענט,
גייט אָן פיס,
שטייט אויפן טיש.

137

מע שטאָפּט אים,
מע שטאָפּט אים,
און ער ווערט ניט פול.

138

בשעת ער גייט,
ליגט ער.

139

בייטאָג גייט דאָס,
ביינאַכט שטייט דאָס.

140

הויך געבויט,
נידעריק געסטרויעט,
זיס ווי צוקער,
ביטער ווי גאַל.

141

אין אויוון שטייסטו,
אין מויל צוגייסטו,
ווי הייסטו?

142

מיט פינף קלעצער
בויט מען אויס אַ שטוב —
און די קלעצער בלייבן גאַנץ.

143

צוויי שטייען צוזאַמען;
אַז ס׳מישט זיך אַריין אַ דריטער,
ווערט דער פערטער אין כּעס.

144
מע קריגט מיר אומזיסט,
דאָך גיט מען פאַר מיר אָפּ
דאָס גאַנצע לעבן.

145
אַ פּאַניענקע קאָכט פּיש;
וואָס מער זי ליגט צו,
אַלץ ווייניקער ווערט דאָס.

146
אַ פּאַניענקע זיצט אויפן דאַך
און האַקט פּאַרפל.

147
אַ קינד העלפּט די מוטער
קוילענען.

148
אין אַ שטאַל שטייען רויטע קי,
קומט אַריין אַ שוואַרצער אָקס
און טרייבט אַרויס די קי.

149
אַ ברייטע מוטער,
אַ הויכער פאָטער,
אַ בלינדע טאָכטער,
אַ משוגענער איידים
אַ פלינקער אייניקל.

150
אַ געדיכטער וואַלד,
אַ פּוסטע פעלד,
צוויי לאַמטערנעס,
איין גלאָק,
צוויי ווענט,
צוויי שנירעלאַך מיט גרעט,
דער בעל־הבית באָדט זיך.

151
ווי קומט אַ קאַץ איבערן וואַסער?

152
ווען ליגט מען די ציינער אויפן פּאָליצע?

153
ווען שלאָפט מען לענגער, ווינטער צי זומער?

154
ווער איז דער גרעסטער בעל־גאוה?

155

ווען באַגעגנט אַ מענטש דעם בעסטן פריינד?

156

ווען בייזערט זיך ניט דער שניידער אויף זיין שטיקל ארבעט?

157

ווער איז זיכער פון אַ יונגן טויט?

158

ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, אַז נאַראָנים האָבן ליב זיס?

159

ווער איז קיינמאָל ניט גוט?
ווער איז קיינמאָל ניט שלעכט?

160

ווער ווערט געבאָרן פליענדיק, לעבט ליגנדיק,
און שטאַרבט לויפנדיק.

161

פאַר וועמען האָט מען מורא פון פאָרנט,
פאַר וועמען — פון הינטן, און פאַר וועמען —
פוןביידע זייטן?

162

וואָס רויש שטאַרקער ווי אַ מיל?

163

וואָס פאַר אַ דריי מענטשן זיינען דאָס:
איינער איז העכער פאַר אַלעמען,
פארן צווייטן נעמען אַלע אראָפּ דאָס היטל,
ווען ניט דער דריטער, וואָלט אין שטעטל קיין רֶבֶּצין
ניט געוועזן?

164

וואָס פאַר אַ ברָכָה דאַרף מען מאַכן איבער אַ ליגנער?

165

גאָט איז דער פירער פון דער וועלט.

וואָס איז גרעסער פאַרן פירער?

166

אַז ס'פּאַלט אַרונטער אַ קוגל,

מיט וואָס הייבט מען אים אויף?

167

אַז אַ פּאָפּ טרינקט זיך, ציט מען אים אַרויס פאַר די האָר;

פאַרוואָס ציט מען אַרויס אַ גלח, בשעת ער טרינקט זיך?

168

אויף אַ האַלבן דאַך דאַרף מען 100 שינדלען.

וויפיל שינדלען דאַרף מען האָבן אויף אַ גאַנצן דאַך?

169

וויפיל וועט זיין: איינס און צוויי און אַנדערהאַלבן,

צוויי און דריי און דריטהאַלבן?

170

איינעם האָט זיך געחלומט, אַז ער פאָרט אויף אַ שיף מיט זיין פאָטער און מוטער. די שיף טרינקט זיך. ער קען ראַטעווען נאָר זיך אַליין מיט נאָך איינעם. ער וויל ראַטעווען דעם פאָטער מיט דער מוטער. וואָס דאַרף ער טאָן?

171

דריי סוחרים און דריי גזלנים האָבן געדאַרפט אַריבער־פאָרן איבער אַ טייך. אויפן טייך איז געוועזן נאָר איין שיפל. אין שיפל האָבן געקאָנט אַריינגיין נאָר 2 מענטשן. ווי אַזוי זיינען זיי אַלע אַריבערגעפאָרן איבערן טייך, אויב איין סוחר האָט מורא געהאַט צו פאַרבלייבן מיט 2 גזלנים אויף איין ברעג?

172

שווארץ בין איך,
שווארץ איז מיין געזיכט,
אין פייער ברענט מען מיך,
אין וואסער קאָכט מען מיך,
הערן און דאמען עסן מיך.

173

הויך — געמויערט,
טיף — געטרויערט,
זיס ווי צוקער,
ביטער ווי גאל. (וואר צו 140 №)

174

העכער ווי א הויז,
קלענער ווי א מויז,
זיס ווי צוקער,
ביטער ווי גאל.

175

ווייס געקליידט,
שווארץ געניית,
ווי מע שיקט עס,
רעדט עס רייד.

176

איך שטיי אין דער הויך
און פיפקע מיט רויך.

177

ס'איז גליטשיק
און שפּיציק
און אינמיטן
א שטריקל.

178

ס'איז גליטשיק
און שפּיציק
און, אז מע עסט,
ווילט זיך נאָך.

179

אין א פינסטערער געסעלע
קייקלט זיך א רעשעלע,
אינמיטן געל,
ארום — ווייס.

180

ווער עס וויל זופּן,
דארף מיך פריער זוכן.

181

איך בין געגאנגען אין וועג,
האָב איך געפונען
א גוף אָן א נשמה,
רעדט אָן א מויל,
אז אייזל האָט געריטן אויף
א פערד.

182

מיין פאָטער און מוטער
קענט איר לעבעדיקע געפינען,
לעבעדיקע קינדער
טו איך געווינען,
פון צווי פארבן
בין איך געבויט,
נאָך אין געבארן
בלייב איך טויט.

183

פון גאנץ ווייט
קום איך אהער, פון פייער און וואסער
באקום איך קאָלער,
איך האָב א שונא.
ווען איך זע אים נישט,
בין איך רויט,
ווען איך זע אים,
בין איך טויט:

184

א פעסעלע איז אראָפּגעפאלן און האָט זיך צעבראָכן, קיין שום באָנדער קען עס ניט פאררעכטן.

185

אין איין פעסעלע זיינען פאראן צווייערליי ווייגען.

186

אויבן שמאָל. אונטן ברייט, דורך און דורך זיסקייט, אין א ווייס העמדל, אין א בלוי קליידל:

187

צוויי מאמעס האָבן צו פינף קינדער, אלע קינדער הייסן מיט איין נאָמען.

188

אלע מענטשן ווינטשן זיך דאָס און וויינען אומצופרידן, ווען זיי האָבן דאָס.

189

מע האָט דערפון הנאה געהאט, ס'האָט געקאָסט געלט און צום סוף לאָזט מען דאָס אוועק מיטן וואסער.

190

ביינאכט א טייג,
ביטאָג א קוכן;

191

ביטאָג גייט דאָס,
ביינאכט שטייט דאָס.

192

א פלאכע טריקנט זיך,
און קען זיך ניט אויסטריקענען.

193

ביטאָג ווי א רעדל,
ביינאכט ווי א שלאנג.

194

עס שטייען צוויי סלופעס,
אף די סלופעס - א דייזשע,
אויף דער דייזשע—א קרוג ,
אויפן קרוג—א לעבל ברויט,
אויפן לעבל ברויט וואקסט גראָז
אויפן גראָז פיטערן זיך
שעפעלעך.

195

א ווייסע פלאש,
א רויטער קאָריק,
ווער עס טרינקט נישט,
לעבט נישט.

196

9 שטיבער, 8 פענסטער, 2 שעפערס
און איין טרינקער.

197

קען א רעגן גיין צוויי טעג נאָכאנאנד?

198

יעדער מענטש פארמאָגט דאָס און קיינער וויים ניט, וויפיל ער פארמאָגט. וואָס איז דאָס?

199

א קינד זאָגט צום טאטן — דו ביסט מיין טאטע און איך בין ניט דיין זוה; ווי קען דאָס זיין?

200

אף א בארג ליגט א שטיין. ווען ער הערט פון דעם האָן א קריי, דאן טוט ער זיך א דריי. ווי קען דאָס זיין?

201

ווען איז די בעסטע צייט פון עסן?

202

ווען זעט א בלינדער?

203

ווען דארף מען אין א שטעטל קיין רב ניט האָבן?

204

וואָס איז גלייך צו א האלבן קוכן

205

וואָס ברענט אָן פייער?

206

וואָס געהערט צו דיר און דאָך באנוצן זיך דערמיט אנדערע מער ווי דו?

207

וואָס זינגט בעסער ווי א פידל,
וואָס גראָבט טיפער ווי א רידל?

208

מיט וואָס איז אַלע מאָל דער אָרעמאַן זיכער?

209

מיט וואָס איז דעם יידן אלע מאָל בעסער ווי דעם משומד?

210

ווער האָט נאָך קיינמאָל קיין ליגן ניט געזאָגט?

211

ווער איז ניט געבאָרן געוואָרן, נאָר געשטאָרב?

212

ווער לייגט זיך און בלייבט זיצן?

213

פון וועמען איז שווער צו באַקומען אַ קללה?

214

וועלכער אָרעמאַן איז גרעסער, דער וואָס טראָגט שבת אַ וואָכעדיקע קאַפּאָטע, צי דער, וואָס טראָגט אומדערוואָכן אַ יום-טובדיקע?

215

וועלכער מענטש ברענגט נאָך זיין טויט מער נוצן ווי פאר זיין לעבן?

216

וועלכע הוט טראָגט מען ניט אויפן קאָפּ?

217

פאר וועלכן גרייז דארף מען זיך ניט שטעלן?

218

פארוואָס זיינען פאראן אויף דער וועלט קשיות מער ווי תרוצים?

219

פארוואָס גיט מען א וואַסערטרעגער קיין אונטערפירערס?

220

פארוואָס איז דעם אָרעמאַנס בגד גוט אויף אלע ימים טובית?

221

פארוואָס זאָגט מען—„אן אָרעמאן איז ווי א הויקער?"

222

פארוואָס טאָר מען ניט בעטן די צרות זאָלן זיך אויסלאָזן?

223

ווי אזוי האָט ער זיך געראַטעוועט פון טויט?

אמאָל איז געווען אַ קיסער, אַ גרויסער רשע און אַ שונא ישראל. ער האָט ניט געקענט פארליידן קיין יידן אין זיין הויפּ-שטאָט, האָט ער ארויסגעלאָזן אַ באַפעל, אז יעדער ייד, וואָס קומט אין שטאָט אַריין, מוז עפּעס זאָגן. האָט דער ייד געזאָגט א ליגן, פלעגט מען אים הענגען, פלעגט ער זאָגן אן אמת, האָט מען אים געשאָסן. קומט איינמאָל א ייד און זאָגט זיי עפּעס אזוינס, אז דעם קייסערס קנעכט זיינען געבליבן געפּלעפט און האָבן אים גאָרנישט ניט געקענט טאָן.

וואָס האָט דער ייד געזאָגט?

תשובות און ערקלערונגען.

1. אַ בוך.
2. אַ ברוואַ.
3. „
4. אַ שפּיגל.
5. אַ בוך.
6. אַ בוים מיט פּירות און מיט בלעטער.
7. אַ פידל.
8. אַ זיפּ.
9. „
10. אַ קאַם *).
11. אַ שלאָס.
12. אַ שוך.
13. אַ נאָדל מיט אַ פאָדים.
14. אַ נאָדל.
15. אַ שניי.
16. אַ קוימענקערער.
17. אַ מענש קלינגט אין גלאָק.
18. אַן איי.
19. דער הימל מיט די שטערן מיט דער לבנה.
20. אַ פיש.
21. איך אַליין.
22. די שטערן, דער הימל, די זונענשטראַלן, די לבנה
23. אַ קוימען, אַ פייער, אַ רויך, אַ ווינט.
24. די דריי פּאָר תעניתים: צום גדליהו און תענית אסתר, עשרה בטבת און שבעה עשר בתמוז, ת׳ באב און יום־כפור.
25. אַ קאַרש.
26. זיצט אַ שוסטער אויף אַ דרייפיסיקן בענקעל און האַלט אַ שוך, קומט אַ הונט און כאַפּט אַרויס דעם שוך, לויפט דער שוסטער יאָגן דעם הונט, פאַלט דערווייל דאָס בענקעלע.
27. דער קליאַמקע.
28. מיין טאַטע.
29. צוויי אויגן.
30. אַ טיש.
31. אַ בעזים.
32. פיר רעדער.
33. אַ קוימען מיט אַ רויך.
34. דער הימל, די שטערן.
35. אַ קעפּל קרויט.
36. אַ הערינג.
37. אַ פאַן.
38. אַ זיפּ, אַ ריבאײַזן.
39. אַ ריבאײַזן.
40. אויף אַ טרעפּ גייען מענשן.
41. די ציינער.
42. דער צונג.
43. אַן אויג.
44. אַ לייטער.
45. אַ לאָמפּ.
46. אַ בוים.
47. אַ טייך.
48. אַ זייגער.
49. אַ וואַנט־זייגער.
50—51. אַ זייגער.
52. אַן עמער.
53. דעם טויט.
54. אַ ליימענער טאָפּ.
55. פייער און רויך.
56. אַ בעזים.
57. אַ סאַמאָוואַר.
58. אַ שפּיי.
59. אַ גרוב.
60. זאַלץ.
61. קוילן.
62. האָלץ און אויוון; די אַש גייט אַרויס דורך דאַיין טיר, דער רויך—דורכן קוימען.
63. וואַסער.
64. אַ ניל (0).
65. אַ פענע.
66. דאָס, וואָס זו פאַרזוכט.
67. דער זונען.
68. זיין גלייבן.
69. א) דערקענען די איי־גענע הסרונות.
ב) טאָן אַ נעגייטע זאַך.
70. א) געבן יענעם אַן עצה.
ב) פאַר אַ מוטער—טראָגן אַ קינד אויף די הענט.
71. דער געדאַנק.
72. אָן אַ נאָמען.
73. היינטיקער טאָג.
74. די יאַרמולקע.
75. פּראָצענט.
76. אַכט.
77. וואָרים.
78. גלייך.
79. דעם שאָטן.
80. אין אַ פולער.

---

*) דאָס רעטעניש געהערט צו די, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך שוין דעם ענטפער.

81. ווייל זייער גאָט לעבט אייביק און זיי קענען אים ניט ירשענען.
82. בשעת דער טויט איז דאָ, איז ער ניטאָ; בשעת ער איז דאָ, איז דער טויט ניטאָ.
83. ווייל ער איז אַ דרייער[1]).
84. ווייל ער קען זיין תורה אויסווייניק.
85. ווייל ער קען מאַכן פּוס[2]).
86. ווייל ער קען פאַרשפּילן וואַר.—(אָנפּייפן).
87. ווייל זיי שטעלן איין דאָס לעבן פאַר געלט.
88. ווייל דער ערשטער מאַכט קריג און דער צווייטער מאַכט רעד, אַך[3]).
89. דער ערשטער מאַכט וואַרים, דער אַנדערער שמילקעט אוים[4]).
90. ווייל ער איז ניט קראַנק צו עסען זויערמילך.
91. פּאַר געלט.[5])
92. פאַרדאַשעק (בּריליק).
93. אדם־הראשון.
94. דער, וואָס איז שולדיק דעם קירזשנער.
95. כּלי־זמר.
96. דער נאָגל פון אַפּשאַץ.
97. אַ גנב.
98. אַן עמער (אוידער מ'שלאָגט אָן די רייפן[6]).
99. אַן אָרימאַן — „ניטאָ וואָס צו געבן".
100. אַ זייגער.
101. אַ שטומער.
102. דער טויט.
103. דער שכל.
104. דער צווייטער.
105. די, וואָס האָט שוין.
106. אַ קאַרגער.
107. אייער.
108. צרות.
109. אַן איי (טרייף, ווען זי ליגט אונטער דער הון, פליישיק, ווען ס'פּיקט זיך פון איר אויס אַ הינדעלע).
110. דער, וואָס האָט דעם גרעסטן קאָפּ.
111. אַ בליץ.
112. סוכּות.
113. פּסח, סוכּות, שבועות.
114. אין אַ שוואָם.
115. בשעת קין האָט גע־הרגעט הבל'ען.
116. הבלם.
117. איינעם, ווייל נאָכן ערשטן אין מען שוין ניט ניכטער.
118. אין אַ קעלער.
119. בשעת מ'עסט זיי.
120. בשעת מ'וואַרפט דרשה־געשאַנק.
121. בשעת מ'שלאָגט זיך אין דער דעה.
122. בשעת מ'פאַלט אויף אַ המצאה.
123. בשעת ער ווערט משוגע דאַן רופט מען אים „משוגענער הונט"[7]).
124. ער איז אַלעמאָל אין איין העמד, ניט אין צוויי.
125. אין חלום.
126. בשעת ער מאַכט ניט קיין קניפּל.
127. מיט אַ „ט".
128. צוויי באַזונדערע זאַכן האָט דער יִנגל געזען: א) ווי אַ פויגל איז געפלויגן ב) ווי אַ הונט איז גע־זעסן אויף זיין עק.
129. ס'איז אַ ליגן.
130. דעם אויערזיינעם.
131. דער טאַטע זייט (וואַרפט קערנער), די מאַמע ליגט אין קינ־פּעט, די ברידער אַוועק קלייבן יאַגדעכ; שפּאַן איין דעם פערד אין וואָגן אָדער אין שליטן.
132. פריהער האָט ער אַריבערגעפירט די ציג (דער וואָלף איז געבליבן מיט דער קרויט, ער עסט קיין קרויט ניט) נאָך דער ציג—די קרויט, דערנאָך האָט ער געפירט די ציג צוריק און גענומען דעם וואָלף, געלאָזן דעם וואָלף מיט די קרויט און ווידער געפאָרן נאָך דער ציג.

---

1) יידישער קאלאמבור (וואָרטשפּיל). 2) אַ יידישער קאלאמבור. 3) אויך אַ וואָרטשפּיל — מ'דאַרף דאָ געדענקען די ביידע באַדייטונגען פון די ווערטער „קריג" און „רעדלאַך". 4) געדענק ביידע באַדייטונגען פון וואָרט „שמילקענען". 5) מונדליכער רעטעניש. 6) וואָרטשפּיל — „אָנשלאָג". 7) ווערט געברויכט ווען אַ שלעכטער מענש פאַרערגערט זיך.

133. אַ זיפּ.
134. בײַט מעלקן אַ קו.
135. אַ פונק.
136. אַ זייגער.
137. אַ לעבעדיקער זאַק.
138. אַ שאָטן.
139. שיך.
140. דער חימל, די ערד, דאָס לעבן, דער טויט.
141. קוגל.
142. אַ פייג.
143. אַ פייג.
144. דער טויט.
145. וואָס מער זי לויגט צו צום מויל.
146. אַ האָגל.
147. דער שטיל (דאָס הענטל) פון אַ האַק. העלפט צו האַקן האלץ.
148. אין אַן אויװן ליגן רויטע קוילן, קומט אַרײַן אַ פּאָמעלע און שאַרט אַרוים די קוילן.
149. די ערד, דער הימל, די נאַכט, דער ווינט, דער בליץ.
150. די האָר אויפן קאָפּ, דאָס געזיכט, די אויגן, דער נאָז, די באַקן, די ציינער, דער צונג.
151. נאָס.
152. אַז מע לייגט אַרויף אַ קאָם אויף אַפּאָליצע.
153. זומער. ווײַל זומער ציט מען זיך אויס, און ווינטער דרייט מען זיך צונויף *
154. אַ בעל עגלה, ווײַל ער האַלט אַלעמען היגטער זיך.
155. אַז ער קוקט זיך אײַן אין שפּיגל. דאַן דערזעט ער זיך אַליין.
156. בשעת מע נייט פאַר אים תכריכים.
157. אַן אַלטער מאַן.
158. די קלוגע.
159. דער טויט, אַ מאַמע.
160. אַ שנײַ.
161. פאַר אַ באָק, פאַר אַ פערד, פאַר אַ נאַר (אָדער פאַר אַ שלעכטן מענטשן).
162. צוויי מילן.
163. אַ קוימענקערער, אַ שערער, אַ רב.
164. שהכל נהיה בדברו (ווײַל אַלץ וואָס ער דערציילט, ווערט געבאָרן פון זײַנע רייד).
165. אַ זעקסער.
166. מיט זאַמד.
167. ווײַל מע דאַרף אים ראַטעווען.
168. גאָרניט (אויב דער דאַך איז גאַנץ, דאַרף מען אויף אים קיין שינדלען ניט האָבן).
169. 12. **
170. ער דאַרף זיך אויפכאַפּן פון שלאָף.
171. פריער זײַנען אַריבערגעפאָרן 2 גזלנים. איין גזלן האָט געבראַכט דעם שיפל צוריק און האָט גענומען דעם דריטן גזלן. דערנאָך האָט דער גזלן ווידער געבראַכט דעם שיפל און איז אַליין פאַרבליבן אויפן צווייטן ברעג. דאַן זײַנען אַריבערגעפאָרן 2 סוחרים, צוריק האָבן געבראַכט דעם שיפל, 1 סוחר און 1 גזלן. דער גזלן איז אַרויס פון שיפל און די 2 סוחרים זײַנען אָפּגעפאָרן. נאָכדעם האָבן שוין די גזלנים געבראַכט איינער דעם אַנדערן.

---

*) דאָס וואָס „לעננער" דאַרף מען דאָ פאַרשטיין ניט אין דעם זין פון צייט.

**) אַ מינדלאַכער רעטעניש. אז מען פרעגט אים אויף גיך, פאַרטומלט מען זיך און מע קען גלייך קיין ענטפער ניט געבן.

172. קאַווע.

173. דער הימל
די ערד,
דאָס לעבן,
דער טויט.

174. אַ בין.

175. אַ בריוו.

176. אַ קוימען.

177. אַ ליכט.

178. אַ קרעפּל.

179. אַן איי.

180. אַ לעפל.

181. אַן איי.

182. —

183. אַ פידל.

184. אַן איי.

185. •

186. אַ הוט צוקער.

187. פינף פינגער.

188. פיל יאָרן.

189. ברעקלעך בײַם תשליך.

190. אַ בעט מיט בעטגעוואַנט.

191. אַ בעזעם.

192. אַ צונג.

193. אַ גורט.

194. די פיס, דער בויך, דער האַלדז, דער קאָפּ די האָר.

195. די מוטער־בריסט.

196. 9 שוואַנגער חדשים 8 טעג קינפּעט, די בריסט, און דאָס קינד.

197. (שפּאַס־פראַגע) נײַן ווייל נאָכן טאָג קומט די נאַכט.

198. האָר אויפן קאָפּ.

199. אַ מיידל.

200. (שפּאַס־פראַגע) ווי ער הערט אַזוי דרייט ער זיך.

201. (שפּאַס־פראַגע) בײַם גביר ווען ער וויל, בײַם אָרעמאַן, ווען ער האָט.

202. אין חלום.

203. (שפּאַס־פראַגע) אַז ס'איז דאָ אַ הונט און אַ טעפּער, דער הונט וועט אויפעסן די טרייפע פלייש און דער טעפּער וועט מאַכן אַ נייעם טאָפּ. דאַן וועט מען שוין ניט דאַרפן קיין רב אויף צו פּסקענען שאלות.

204. דער צווייטער האַלבער.

205. אויפן גנב דאָס היטל.

206. דײַן נאָמען.

207. דאָס מזל, דאָס שלימזל.

208. מיטן טויט.

209. (שפּאַס־פראַגע) דער ייד קען זיך שמדן און דער משומד — ניט.

210. דער וואָס איז געבאָרן געוואָרן אַ שטומער.

211. אדם הראשון.

212. אַ הון (וואָרטשפּיל: „לייגן זיך" — לייגן אַן איי און „לייגן זיך" אין געווייַנטלעכן זין)

213. פון אַ שטומען.

214. דער וואָס טראָגט אומדערוואָכן דעם יומטובדיקן.

215. אַ קאַרגער.

216. אַ פינגערהוט.

217. פאַר אַ גרויז פון אַן עם־הארץ.

218. ווייל אַ קשיא קען אַ אַ נאַר אויך פרעגן.

219. ווייל ס'איז שוין בײַ אים ניט די ערשטע פּאָר.

220. ווייל אויף פּסח — ניט קיין ברעקל, אויף שבועות איז עס גרין אויף סוכות—צוהדר'ט, אויף חנוכה — אין לאַטקעס, אויף פּורים— צעריסן אויף מאָן.

221. ווייל ער טראָגט זײַן גאַנץ פאַרמעגן אויף זיך.

222. ווייל אַז די צרות לאָזן זיך אויס, לאָזט זיך דאָס לעבן אויס.

223. ער האָט געזאָגט: היינט וועט איר מיך הענגען; זאָל מען אים הענגען, וועט עס הייסן, אַז ער האָט געזאָגט אַן אמת, און פאַר אַן אמת קומט אים שיסן. וועט מען אים שיסן, וועט עס הייסן, אַז ער האָט געזאָגט אַ ליגן און פאַר אַ ליגן קומט אים הענגען.

רעצענזיעס וועגן די „פאָלקס רעטענישן"*.

ש. אנסקי.

אַ קליין, קליין ביכעלע, אינגאַנצן 22 זייטלעך 1) אין פאָרמאַט פון געוויינלעכע „קאָפּיקע־מעשיות" און דאָך אַנטהאַלט אין זיך דאָס קליין ביכעלע אַ גאַנצן אוצר פאָלקס־חכמה און פאָלקס־קונסט. סך־הכל געפינען זיך אין ביכעלע 171 רעטענישן, נאָר פאַר אָט דעם מין פאָלקס־שאַפונג איז עס ניט ווייניק. דער זאַמלער האָט אַ ביסל אַ טעות ווען ער שרייבט אין הקדמה, אַז „ביי די אומות העולם ציילן מיר צענדליקע זאַמלונגען פון פאָלקסרעטענישן". רעטענישן איז די זעלטנסטע פאָרם פון פאָלקס־שאַפונג ביי אַלע פעלקער. דאָס איז אַ מין עדלווייס צווישן די בלומען פון פאָלקלאָר. בעת אַ ווערטל, אַ גלייכווערטל אָדער אַ משל דרינגען דורך די לעבעדיקע שפּראַך, און איר קענט זיי הערן אויף יעדן שריט און טריט; בעת אַנדערע עלעמענטן פון פאָלקסשאַפונג—מעשיות, לעגענדן, לידער, אָפּשפּרעכענישן, מנהגים וכדומה האָבן זייער אָרט און צייט, זייערע באַשטימטע דערציילער, זאָגער און אָפּהיטער—האָט ניט די רעטעניש די אַלע אייגנשאַפטן. זי דאַרף מען ניט בלויז זוכן, נאָר אויסזוכן.

וואָס איז אַזוינס אַ רעטעניש? אויב אַ גלייכווערטל האָט אין זיך אַ פילאָזאָפישן געדאַנק אָדער אַ מאָראַלישע סענטענץ, אויסגעדריקט אין אַ קורצן געפרעסטן און קינסטלערישן אויסשפּרוך, איז אַ רעטעניש אַן עסטעטיש כּמעט אַ פּלאַסטיש קונסטווערק, איינגעפּאַסט אין עטלעכע געפרעסטע שטריכן. אַ גלייכווערטל לערנט, מוסרט; אַ רעטעניש „שאַרפט דעם מוח", אַנטוויקלט די אויפמערקזאַמקייט, וועקט דעם חוש צו שיינקייט, צו קונסט. אַ גלייכווערטל שטעלט זיך אָפּ אויף דער אינעווייניקסטער זייט פון אַ זאַך און איז אַבסטראַקט; די פאָלקסרעטעניש האָט צו טאָן נאָר מיט דער אויסווייניקסטער זייט, מיט דער פאָרם, זי נעמט די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אַ זאַך אָדער אַן ערשיינונג און שאַפט פון זיי אַן עסטעטישן בילד. דהיינו, דאָס גלייכווערטל גיט אונדז אַזוינע מינים מאָראַלישע און פילאָזאָפישע סענטענצן:

*) די רעצענזיע איז געשריבן וועגן דער צווייטער אויפלאַגע, וואָס איז ערשינען אין יאר 1919.

1) „גאָט שטראָפט — אַ מענטש איז זיך נוקם.
2) אַז מע האָט קינדער אין די וויגן, דאַרף מען לאָזן לייטן צופרידן.
3) אַז מע מאַכט ניט קיין חשבון, מאַכט ער זיך אַליין.

די רעטעניש גיט אונדז אין די זעלבע געפּרעסטע אויסדרוקן גאַנצע קינסטלערישע בילדער, געזאַמלט מיט עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, ווי דהיינו:

1) פליט אָן פליגל, מויערט אָן ציגל,
לייגט זיך ווי אַ האַר, שטייט אויף ווי אַ נאַר.
2) הויך ווי אַ מויער, גראָב ווי אַ פּויער, זיס ווי צוקער, ביטער ווי גאַל.
3) אַ גראָבע מאַמע, אַ רויטער טאַטע, אַ הויכער זון אַ משוגענע טאָכטער.
4) אַ לעבעדיקער שלאָגט אַ טויטן, דער טויטער שרייט און ס׳הערט זיך ווייט.

אין דער קלוגער און־הייס אָנגעשריבענער הקדמה ווייזט אויף ה׳ באַסטאָמסקי אויף דער אומגעהייער גרויסער ראָל, וואָס דאָס „גילדענע בוך פון אונדזער גרויסן רייכן פאָלקלאָר", וועלכער איז נאָך לײדער צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע זיבן ימים, קאָן און מוז שפּילן אין אונדזער נייער פאָלקסשול און אין דער גאַנצער סיסטעם פון אונדזער פּעדאַגאָגיק. דאָס איז זייער ריכטיק בנוגע צו אַזעלכע פאָלקסשאַפונגען ווי רעטענישן, וועלכע זיינען פון פאָלק גופא געשאַפן געוואָרן כמעט אויסשליסלעך צוליב אַ פּעדאַגאָגישן ציל.

אַז עס קומט צו רייד וועגן אונדזער אַלטער פאָלקסבילדונג און פאָלקסערציונג שטעלט מען געוויינטלעך אַרויס דעם טראַדיציאָנעל חדר מיט אַלע זיינע חסרונות, דערהויפּט שטעלט מען זיך אָפּ אויף דעם קאָנפעסיאָנעלן כאַראַקטער פון חדר, דערביי אָבער פאַרגעסן מיר, אַז מיר האָבן בירושה פון דעם אַלטן דור אַ גאַנצע אויסגעאַרבעטע סיסטעם פון פאָלקסערציונג אַזוי צו זאָגן: אַן אייגנאַרטיקע יידישע פּעדאַגאָגיק.

חוץ דעם חדר האָט דער אַלטער דור געהאַט אַ גאַנצע און ברייטע סיסטעם פון נאַציאָנאַלער ערציונג. ניטאָ כמעט קיין איין יום־טוב, וואָס זאָל ניט האָבן זיין ערציונג־עלעמענט, קיין קינדערשפּיל.

אָדער פאַרווײלונג. דער גאַנצער סדר פון פסח מיט די קשיות מיט דעם „חד גדיה“ און „אחד מי יודע“ איז אויסגערעכנט אויף קינדער דער המן־קלאַפּער פורים, דער „גאָר“ חנוכה, ת״ב די הילצערנע שפּיזן, וואָס קינדער טראָגן אויפן בית־עולם און צעבּרעכן איבער די קברים צום אָנדענקען פון די אַמאָליקע יידישע העלדן; היינט די פאָנעס ש״ת די שפּאַצירונגען מיט די סעודות ל״ג־בעומר און פיל אַנדערע.

צוגלייך מיט דעם האָט די אַלטע פּעדאַגאָגיק גאַנצע ציקלען פון קינדער־מעשיות, קינדער־לידלעך, שפּילונגען שפּרוכן, רעטענישן וכדומה.

אָט די אַלע עלעמענטן פון דער אַלטער פאָלקספּעדאַגאָגיק זייַנען געווען לחלוטן איגנאָרירט פון די שעפער פון דער נייער יידישער שול. און מ׳קען זאָגן, אַז ה׳ באַסטאָמסקי איז כמעט דער ערשטער, וואָס האָט ניט נאָר אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט אויסצוניצן די אַלטע שאַפונגען פון פאָלק פאַר דער נייער שול, נאָר ער האָט גענומען אַליין פּראַקטיש דורכפירן עס, זאַמלען און פאַרעפנטלעכן די מאַטעריאַלן.

צום שלוס וואָלט איך וועלן אויפמערקזאַם מאַכן דעם זאַמלער אויף אייניקע פעלערן, וואָס געפינען זיך אין דער איצטיקער אויסגאַבע*), דער־הויפּט אין דער קלאַסיפיצירונג פון דעם מאַטעריאַל. די רעטענישן האָבן געדאַרפט זיין סיסטעמאַטיזירט לויט אַ געוויסן סדר. ווייטער האָבן גע־דאַרפט זיין אָפּגעטיילט קינסטלערישע רעטענישן — ווי דהיינו די, וועל־כע איך האָב פריער געבראַכט, פון אַזוי גערופענע איינפאַל־רעטענישן.

„פאַרוואָס נעמט אַראָפּ דער קייסער די היטל“ — (פאַרן דאַשיק). „ווען בלייבּט אַ סוחר אין איין העמד“? (שטענדיק). חשבון רעטענישן, (וויפיל וועט זיין איינע און אָנדערהאַלבן, צוויי און דריטאַלבן).

צו באַמערקן איז נאָך ווערט, אַז די רעטעניש געהערט מער צו „גיכריידענישן“ ווי צו רעטענישן.

די רעטעניש 131 איז בוכשטעבלעך איבערגעזעצט פון רוסיש און האָט געמעגט אויסגעשלאָסן ווערן. עס איז נאָך צו באַדויערן, וואָס די רעטענישן זייַנען ניט איבערגעגעבן פּאָנעטיש אַזוי ווי זיי ריידן זיך אַרויס און עס איז ניט בייגעזיון לכל הפחות ווו זיי זייַנען פאַרשריבּן.

צוליב טעכנישע סיבות זייַנען נאָך אין דער איצטיקער אויפלאַגע די אַלע פעלערן, וואָס ש. אנסקי וויזט אָן, ניט באַזייטיקט געוואָרן ש.ב.